טז וְאַדְנֵיהֶם שְׁלֹשָׁה׃ כָּל־קַלְעֵי הֶחָצֵר סָבִיב שֵׁשׁ מָשְׁזָר׃
יז וְהָאֲדָנִים לָעַמֻּדִים נְחֹשֶׁת וָוֵי הָעַמּוּדִים וַחֲשׁוּקֵיהֶם כֶּסֶף
וְצִפּוּי רָאשֵׁיהֶם כָּסֶף וְהֵם מְחֻשָּׁקִים כֶּסֶף כֹּל עַמֻּדֵי
ספ' הֶחָצֵר׃ וּמָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר מַעֲשֵׂה רֹקֵם תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן
וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר וְעֶשְׂרִים אַמָּה אֹרֶךְ וְקוֹמָה בְרֹחַב
יט חָמֵשׁ אַמּוֹת לְעֻמַּת קַלְעֵי הֶחָצֵר׃ וְעַמֻּדֵיהֶם אַרְבָּעָה
וְאַדְנֵיהֶם אַרְבָּעָה נְחֹשֶׁת וָוֵיהֶם כֶּסֶף וְצִפּוּי רָאשֵׁיהֶם
כ וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְכָל־הַיְתֵדֹת לַמִּשְׁכָּן וְלֶחָצֵר סָבִיב נְחֹשֶׁת׃

ס ס ס

און זייערע שוועלן דריי. 16 אַלע אַרומהאַנגען פון הויף
רונד אַרום, פון געדרייטן ליינען. 17 און די שוועלן צו
די זיילן, פון קופער: די העקלעך פון די זיילן, און זייערע
רייפבענדער, פון זילבער; און דער איבערצוג פון
זייערע קעפּ, פון זילבער; און זיי זיינען געווען אַרומגע־
רייפט מיט זילבער, אַלע זיילן פון הויף. 18 און דער
טויערפאָרהאַנג פון הויף איז געווען געשטיקטע אַרבעט,
פון בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און גע־
דרייטן ליינען; און צוואַנציק איילן די לענג, און די הייך—
פאַר ברייט—פינף איילן, גלייך מיט די אַרומהאַנגען פון הויף. 19 און די זיילן דערצו פיר, און זייערע שוועלן פיר,
פון קופער; זייערע העקלעך, פון זילבער, דער איבערצוג פון זייערע קעפּ, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער;
20 און אַלע פלעקלעך פון מִשכן און פון הויף רונד אַרום, פון קופער.

# פְּקוּדֵי

כא אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל־פִּי
כב מֹשֶׁה עֲבֹדַת הַלְוִיִּם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן׃ וּבְצַלְאֵל
בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה עָשָׂה אֵת כָּל־אֲשֶׁר־צִוָּה
כג יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וְאִתּוֹ אָהֳלִיאָב בֶּן־אֲחִיסָמָךְ לְמַטֵּה־דָן
חָרָשׁ וְחֹשֵׁב וְרֹקֵם בַּתְּכֵלֶת וּבָאַרְגָּמָן וּבְתוֹלַעַת הַשָּׁנִי
כד וּבַשֵּׁשׁ׃ ס כָּל־הַזָּהָב הֶעָשׂוּי לַמְּלָאכָה בְּכֹל מְלֶאכֶת
הַקֹּדֶשׁ וַיְהִי ׀ זְהַב הַתְּנוּפָה תֵּשַׁע וְעֶשְׂרִים כִּכָּר וּשְׁבַע
כה מֵאוֹת וּשְׁלֹשִׁים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ׃ וְכֶסֶף פְּקוּדֵי הָעֵדָה
מְאַת כִּכָּר וְאֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת וַחֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים שֶׁקֶל
כו בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ׃ בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל
הַקֹּדֶשׁ לְכֹל הָעֹבֵר עַל־הַפְּקֻדִים מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה
לְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף וּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים׃
כז וַיְהִי מְאַת כִּכַּר הַכֶּסֶף לָצֶקֶת אֵת אַדְנֵי הַקֹּדֶשׁ וְאֵת אַדְנֵי
כח הַפָּרֹכֶת מְאַת אֲדָנִים לִמְאַת הַכִּכָּר כִּכָּר לָאָדֶן׃ וְאֶת־
הָאֶלֶף וּשְׁבַע הַמֵּאוֹת וַחֲמִשָּׁה וְשִׁבְעִים עָשָׂה וָוִים לָעַמּוּדִים
כט וְצִפָּה רָאשֵׁיהֶם וְחִשַּׁק אֹתָם׃ וּנְחֹשֶׁת הַתְּנוּפָה שִׁבְעִים
ל כִּכָּר וְאַלְפַּיִם וְאַרְבַּע־מֵאוֹת שָׁקֶל׃ וַיַּעַשׂ בָּהּ אֶת־אַדְנֵי
פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וְאֵת מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת וְאֶת־מִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת
לא אֲשֶׁר־לוֹ וְאֵת כָּל־כְּלֵי הַמִּזְבֵּחַ׃ וְאֶת־אַדְנֵי הֶחָצֵר סָבִיב

21 דאָס זיינען די איבערציילונגען פון מִשכן, דעם
מִשכן פון געזעץ, וואָס זיינען איבערגעציילט געוואָרן לויט
דעם מויל פון משהן דורך דער אַרבעט פון די לוִיִים
אונטער דער האַנט פון איתָמָר דעם זון פון אַהרן דעם
כהן.— 22 און בצַלאֵל דער זון פון אורי דעם זון פון חורן,
פון שבט יהודה, האָט געמאַכט אַלץ וואָס גאָט האָט באַ־
פוילן משהן. 23 און מיט אים איז געווען אָהליאָב דער
זון פון אַחיסָמָכן, פון שבט דָן, אַ מייַנסטער, און אַ קינצ־
לער, און אַ שטיקער אין בלאָער וואָל, און אין פורפל,
און אין ווערמילרויט, און אין ליינען.— 24 דאָס גאַנצע גאָלד
וואָס איז פאַרטאָן געוואָרן אויף דער אַרבעט ביי דער
גאַנצער אַרבעט פון הייליקטום, דאָס גאָלד פון דער
אויפהייבונג, איז געווען ניין און צוואַנציק צענטנער, און
זיבן הונדערט און דרייסיק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל.
25 און דאָס זילבער פון דער ציילונג פון דער עדה איז
געווען הונדערט צענטנער, און טויזנט און זיבן הונדערט
און פינף און זיבעציק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל. 26 אַ
בֶּקַע אויף אַ קאָפּ, אַ האַלבער שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל,
פאַר איטלעכן וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער ציילונג,
פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, פאַר זעקס הונדערט טויזנט און דריי טויזנט און פינף הונדערט און פופציק.
27 און די הונדערט צענטנער זילבער זיינען געווען אויף אויסצוגיסן די שוועלן פון הייליקטום, און די שוועלן פון פָּרוֹכֶת;
הונדערט שוועלן פון הונדערט צענטנער, אַ צענטנער אויף אַ שוועל. 28 און פון די טויזנט און זיבן הונדערט
און פינף און זיבעציק האָט מען געמאַכט העקלעך צו די זיילן, און איבערגעצויגן זייערע קעפּ, און זיי
אַרומגערייפט. 29 און דאָס קופער פון דער אויפהייבונג איז געווען זיבעציק צענטנער, און צוויי טויזנט און
פיר הונדערט שֶקל. 30 און מע האָט דערפון געמאַכט די שוועלן פון דעם איינגאַנג פון אוהל־מועד, און
דעם קופּערנעם מזבח, און די קופּערנע זיפּ וואָס צו אים, און אַלע כלים פון מזבח, 31 און די שוועלן פון הויף רונד אַרום,

וְאֶת־אַדְנֵי שַׁעַר הֶחָצֵר וְאֵת כָּל־יִתְדֹת הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־כָּל־
יִתְדֹת הֶחָצֵר סָבִיב׃

לט

וּמִן־הַתְּכֵלֶת וְהָאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת הַשָּׁנִי עָשׂוּ בִגְדֵי־שְׂרָד א
לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ וַיַּעֲשׂוּ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
וַיַּעַשׂ אֶת־הָאֵפֹד זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ ב שני (חמ״י)
מָשְׁזָר׃ וַיְרַקְּעוּ אֶת־פַּחֵי הַזָּהָב וְקִצֵּץ פְּתִילִם לַעֲשׂוֹת ג
בְּתוֹךְ הַתְּכֵלֶת וּבְתוֹךְ הָאַרְגָּמָן וּבְתוֹךְ תּוֹלַעַת הַשָּׁנִי
וּבְתוֹךְ הַשֵּׁשׁ מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב׃ כְּתֵפֹת עָשׂוּ־לוֹ חֹבְרֹת עַל־שְׁנֵי ד
קְצוֹתָו חֻבָּר׃ וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ אֲשֶׁר עָלָיו מִמֶּנּוּ הוּא ה
כְּמַעֲשֵׂהוּ זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיַּעֲשׂוּ אֶת־אַבְנֵי הַשֹּׁהַם ו
מֻסַבֹּת מִשְׁבְּצֹת זָהָב מְפֻתָּחֹת פִּתּוּחֵי חוֹתָם עַל־שְׁמוֹת
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשֶׂם אֹתָם עַל כִּתְפֹת הָאֵפֹד אַבְנֵי זִכָּרוֹן ז
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
וַיַּעַשׂ אֶת־הַחֹשֶׁן מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב כְּמַעֲשֵׂה אֵפֹד זָהָב תְּכֵלֶת ח
וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר׃ רָבוּעַ הָיָה כָּפוּל עָשׂוּ ט
אֶת־הַחֹשֶׁן זֶרֶת אָרְכּוֹ וְזֶרֶת רָחְבּוֹ כָּפוּל׃ וַיְמַלְאוּ־בוֹ י
אַרְבָּעָה טוּרֵי אָבֶן טוּר אֹדֶם פִּטְדָה וּבָרֶקֶת הַטּוּר הָאֶחָד׃
וְהַטּוּר הַשֵּׁנִי נֹפֶךְ סַפִּיר וְיָהֲלֹם׃ וְהַטּוּר הַשְּׁלִישִׁי לֶשֶׁם יא יב
שְׁבוֹ וְאַחְלָמָה׃ וְהַטּוּר הָרְבִיעִי תַּרְשִׁישׁ שֹׁהַם וְיָשְׁפֵה יג
מוּסַבֹּת מִשְׁבְּצוֹת זָהָב בְּמִלֻּאֹתָם׃ וְהָאֲבָנִים עַל־שְׁמֹת יד
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵנָּה שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עַל־שְׁמֹתָם פִּתּוּחֵי חֹתָם
אִישׁ עַל־שְׁמוֹ לִשְׁנֵים עָשָׂר שָׁבֶט׃ וַיַּעֲשׂוּ עַל־הַחֹשֶׁן טו
שַׁרְשְׁרֹת גַּבְלֻת מַעֲשֵׂה עֲבֹת זָהָב טָהוֹר׃ וַיַּעֲשׂוּ שְׁתֵּי טז
מִשְׁבְּצֹת זָהָב וּשְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב וַיִּתְּנוּ אֶת־שְׁתֵּי הַטַּבָּעֹת

ד׳ קצותיו ק׳

און די שוועלן פון דעם טויער פון הויף, און אַלע פלעקלעך פון משכן, און אַלע פלעקלעך פון הויף רונד אַרום.

לט 1 און פון דער בלאָער וואָל, און דעם פורפּל, און דעם ווערמילרויט, האָט מען געמאַכט די געשטריקטע קליידער אויף צו דינען אין הייליקטום, און געמאַכט די הייליקע קליידער וואָס פאַר אַהרנען, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

2 און מע האָט געמאַכט דעם אֵפוד פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען. 3 און מע האָט אויסגעשלאָגן בלעכן פון גאָלד, און צעהאַקט אויף פעדים, אויף אַריינצואַרבעטן אין דער בלאָער וואָל, און אין דעם פורפּל, און אין דעם ווערמילרויט, און אין דעם ליינען, מיט קונציקער אַרבעט. 4 אַקסלבענדער האָט מען צו אים געמאַכט, באַהעפטע; בײ זײַנע בײדע עקן איז ער געווען באַהעפט. 5 און זײַן גאַרטלבאַנד וואָס אויף אים, איז געווען פון אים גופא, אַזוי ווי זײַן אַרבעט, פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן. 6 און מע האָט געמאַכט די אָניקל־שטיינער אײַנגעראַמט אין אײַנפאַסונגען פון גאָלד, אויסגעקריצט ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל. 7 און מע האָט זיי אַרויפגעטאָן אויף די אַקסלבענדער פון אֵפוד—שטיינער פון דערמאָנונג פאַר די קינדער פון ישראל, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

8 און מע האָט געמאַכט דעם חושן קונציק אויסגעאַרבעט, אַזוי ווי די אַרבעט פון אֵפוד, פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען. 9 פירעקעכדיק איז ער געווען; געטאָפּלט האָט מען געמאַכט דעם חושן, אַ שפּאַן זײַן לענג, און אַ שפּאַן זײַן ברייט, געטאָפּלט. 10 און מע האָט אַריינגעזעצט אין אים פיר ציילן שטיינער: אַ צייל פון רובין, טאָפּאַז, און שמאַראַק, איין צייל; 11 און די צווייטע צייל: גאַרפונקל, סאַפּירשטיין, און דימענט; 12 און די דריטע צייל: יאַכצום, אַגאַט, און אַמעטיסט; 13 און די פירטע צייל: גאָלדשטיין, אָניקל, און יאַשפיז; אײַנגעראַמט אין אײַנפאַסונגען פון גאָלד אין זייערע אײַנזעצונגען. 14 און די שטיינער זײַנען געווען לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל, צוועלף, לויט זייערע נעמען, ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, איטלעכער לויט זײַן נאָמען, אַקעגן די צוועלף שבטים. 15 און מע האָט געמאַכט צום חושן געדרייטע קייטן, פלעכטאַרבעט, פון ריינעם גאָלד. 16 און מע האָט געמאַכט צוויי אײַנפאַסונגען פון גאָלד, און צוויי גילדערנע רינגען, און מע האָט אַרויפגעטאָן די צוויי רינגען

אויף די צוויי עקן פון חושן. [17] און מע האָט אַריינגעטאָן
די צוויי גילדערנע פלעכטן אין די צוויי רינגען אויף די
עקן פון חושן. [18] און די צוויי עקן פון די צוויי פלעכטן
האָט מען אַרויפגעטאָן אויף די צוויי איינפאַסונגען, און זיי
אַרויפגעטאָן אויף די אַקסלבענדער פון אֵפוד, אויף זיין
פאָדערזייט. [19] און מע האָט געמאַכט צוויי גילדערנע
רינגען, און אַרויפגעזעצט אויף די צוויי עקן פון חושן, ביי
זיין זוים וואָס צו דער זייט פון אֵפוד, אינעווייניק צו.
[20] און מע האָט געמאַכט צוויי גילדערנע רינגען, און זיי
אַרויפגעטאָן אויף די צוויי אַקסלבענדער פון אֵפוד, פון
אונטן, אויף זיין פאָדערזייט, ביי זיין באַהעפטונג, איבער
דעם אַרומבאַנד פון אֵפוד. [21] און מע האָט צוגעשנירט
דעם חושן דורך זיינע רינגען צו די רינגען פון אֵפוד, מיט
אַ שנור פון בלאָער וואָל, כדי ער זאָל זיין אויף דעם
אַרומבאַנד פון אֵפוד, און דער חושן זאָל זיך ניט אַראָפּ־
רוקן פון אֵפוד; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[22] און מע האָט געמאַכט דעם מאַנטל פון אֵפוד,
וועבאַרבעט, פון לויטער בלאָער וואָל. [23] און די עפענונג
פון דעם מאַנטל איז געווען אין זיין מיטן, אַזוי ווי די
עפענונג פון אַ פאַנצערהעמד, מיט אַ זוים ביי זיין עפענונג
רונד אַרום, ער זאָל זיך ניט צעריסן. [24] און מע האָט
געמאַכט אויף די ברעגן פון דעם מאַנטל מילגרוימען פון
בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, געצווערנט.
[25] און מע האָט געמאַכט גלעקלעך פון ריינעם גאָלד, און אַרויפגעטאָן די גלעקלעך צווישן די מילגרוימען אויף די ברעגן
פון דעם מאַנטל רונד אַרום, צווישן די מילגרוימען: [26] אַ גלעקל און אַ מילגרוים, אַ גלעקל און אַ מילגרוים, אויף די
ברעגן פון דעם מאַנטל רונד אַרום, אויף צו דינען; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[27] און מע האָט געמאַכט ליינענע העמדלעך, וועבאַרבעט, פאַר אהרנען און פאַר זיינע זין; [28] און די ליינענע
הויב, און די שיינע היטלען פון ליינען, און די ליינענע הויזן פון געדרייטן ליינען; [29] און דעם גאַרטל פון געדרייטן
ליינען, און בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, געשטיקטע אַרבעט, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[30] און מע האָט געמאַכט דאָס שטערנבלעך, די הייליקע קרוין, פון ריינעם גאָלד, און אויפגעשריבן אויף אים אַ
געשריפטס, ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל „הייליק צו גאָט". [31] און מע האָט אַרויפגעטאָן אויף אים אַ שנור פון בלאָער
וואָל, כדי אים אָנצוטאָן אויף דער הויב פון אויבן, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[32] אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פון דעם מִשכּן פון אוהל־מועד; און די קינדער פון ישׂראל
האָבן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן; גענוי אַזוי האָבן זיי געטאָן.

[33] און זיי האָבן געבראַכט דעם מִשכּן צו משהן: דאָס געצעלט און אַלע זיינע זאַכן, זיינע האָקן, זיינע
ברעטער, זיינע ריגלען, און זיינע זיילן, און זיינע שוועלן; [34] און דעם צודעק פון רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן,

יז עַל־שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וַיִּתְּנוּ שְׁתֵּי הָעֲבֹתֹת הַזָּהָב עַל־
יח שְׁתֵּי הַטַּבָּעֹת עַל־קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וְאֵת שְׁתֵּי קְצוֹת שְׁתֵּי
הָעֲבֹתֹת נָתְנוּ עַל־שְׁתֵּי הַמִּשְׁבְּצֹת וַיִּתְּנֻם עַל־כִּתְפֹת
יט הָאֵפֹד אֶל־מוּל פָּנָיו׃ וַיַּעֲשׂוּ שְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב וַיָּשִׂימוּ עַל־
שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן עַל־שְׂפָתוֹ אֲשֶׁר אֶל־עֵבֶר הָאֵפֹד בָּיְתָה׃
כ וַיַּעֲשׂוּ שְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב וַיִּתְּנֻם עַל־שְׁתֵּי כִתְפֹת הָאֵפֹד
מִלְּמַטָּה מִמּוּל פָּנָיו לְעֻמַּת מֶחְבַּרְתּוֹ מִמַּעַל לְחֵשֶׁב הָאֵפֹד׃
כא וַיִּרְכְּסוּ אֶת־הַחֹשֶׁן מִטַּבְּעֹתָיו אֶל־טַבְּעֹת הָאֵפֹד בִּפְתִיל
תְּכֵלֶת לִהְיֹת עַל־חֵשֶׁב הָאֵפֹד וְלֹא־יִזַּח הַחֹשֶׁן מֵעַל הָאֵפֹד
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
של׳ (ששי) כב וַיַּעַשׂ אֶת־מְעִיל הָאֵפֹד מַעֲשֵׂה אֹרֵג כְּלִיל תְּכֵלֶת׃ וּפִי־
הַמְּעִיל בְּתוֹכוֹ כְּפִי תַחְרָא שָׂפָה לְפִיו סָבִיב לֹא יִקָּרֵעַ׃
כד וַיַּעֲשׂוּ עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל רִמּוֹנֵי תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת
כה שָׁנִי מָשְׁזָר׃ וַיַּעֲשׂוּ פַעֲמֹנֵי זָהָב טָהוֹר וַיִּתְּנוּ אֶת־הַפַּעֲמֹנִים
בְּתוֹךְ הָרִמֹּנִים עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל סָבִיב בְּתוֹךְ הָרִמֹּנִים׃
כו פַּעֲמֹן וְרִמֹּן פַּעֲמֹן וְרִמֹּן עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל סָבִיב לְשָׁרֵת
כז כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיַּעֲשׂוּ אֶת־הַכָּתְנֹת
כח שֵׁשׁ מַעֲשֵׂה אֹרֵג לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו׃ וְאֵת הַמִּצְנֶפֶת שֵׁשׁ
וְאֶת־פַּאֲרֵי הַמִּגְבָּעֹת שֵׁשׁ וְאֶת־מִכְנְסֵי הַבָּד שֵׁשׁ מָשְׁזָר׃
כט וְאֶת־הָאַבְנֵט שֵׁשׁ מָשְׁזָר וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי
ל מַעֲשֵׂה רֹקֵם כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיַּעֲשׂוּ אֶת־
צִיץ נֵזֶר־הַקֹּדֶשׁ זָהָב טָהוֹר וַיִּכְתְּבוּ עָלָיו מִכְתַּב פִּתּוּחֵי
לא חוֹתָם קֹדֶשׁ לַיהוָה׃ וַיִּתְּנוּ עָלָיו פְּתִיל תְּכֵלֶת לָתֵת עַל־
לב הַמִּצְנֶפֶת מִלְמָעְלָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַתֵּכֶל
כָּל־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ׃ פ
רב׳ לג וַיָּבִיאוּ אֶת־הַמִּשְׁכָּן אֶל־מֹשֶׁה אֶת־הָאֹהֶל וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו
לד קְרָסָיו קְרָשָׁיו בְּרִיחָו וְעַמֻּדָיו וַאֲדָנָיו׃ וְאֶת־מִכְסֵה עוֹרֹת

לג׳ בריחיו קרי

הָאֵילִם הַמְאָדָּמִים וְאֶת־מִכְסֵה עֹרֹת הַתְּחָשִׁים וְאֵת פָּרֹכֶת
הַמָּסָךְ׃ אֶת־אֲרוֹן הָעֵדֻת וְאֶת־בַּדָּיו וְאֵת הַכַּפֹּרֶת׃ אֶת־ לה לו
הַשֻּׁלְחָן אֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֵת לֶחֶם הַפָּנִים׃ אֶת־הַמְּנֹרָה לז
הַטְּהֹרָה אֶת־נֵרֹתֶיהָ נֵרֹת הַמַּעֲרָכָה וְאֶת־כָּל־כֵּלֶיהָ וְאֵת
שֶׁמֶן הַמָּאוֹר׃ וְאֵת מִזְבַּח הַזָּהָב וְאֵת שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְאֵת לח
קְטֹרֶת הַסַּמִּים וְאֵת מָסַךְ פֶּתַח הָאֹהֶל׃ אֵת ׀ מִזְבַּח לט
הַנְּחֹשֶׁת וְאֶת־מִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר־לוֹ אֶת־בַּדָּיו וְאֶת־כָּל־
כֵּלָיו אֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ׃ אֵת קַלְעֵי הֶחָצֵר אֶת־עַמֻּדֶיהָ מ
וְאֶת־אֲדָנֶיהָ וְאֶת־הַמָּסָךְ לְשַׁעַר הֶחָצֵר אֶת־מֵיתָרָיו וִיתֵדֹתֶיהָ
וְאֵת כָּל־כְּלֵי עֲבֹדַת הַמִּשְׁכָּן לְאֹהֶל מוֹעֵד׃ אֶת־בִּגְדֵי מא
הַשְּׂרָד לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן
וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו לְכַהֵן׃ כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה מב
כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל־הָעֲבֹדָה׃ וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־ מג
כָּל־הַמְּלָאכָה וְהִנֵּה עָשׂוּ אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה כֵּן עָשׂוּ
וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה׃ פ

מ

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ בְּיוֹם־הַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן חמ' (שב') ב
בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ תָּקִים אֶת־מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְשַׂמְתָּ שָׁם ג
אֵת אֲרוֹן הָעֵדוּת וְסַכֹּתָ עַל־הָאָרֹן אֶת־הַפָּרֹכֶת׃ וְהֵבֵאתָ ד
אֶת־הַשֻּׁלְחָן וְעָרַכְתָּ אֶת־עֶרְכּוֹ וְהֵבֵאתָ אֶת־הַמְּנֹרָה וְהַעֲלֵיתָ
אֶת־נֵרֹתֶיהָ׃ וְנָתַתָּה אֶת־מִזְבַּח הַזָּהָב לִקְטֹרֶת לִפְנֵי אֲרוֹן ה
הָעֵדֻת וְשַׂמְתָּ אֶת־מָסַךְ הַפֶּתַח לַמִּשְׁכָּן׃ וְנָתַתָּה אֵת ו
מִזְבַּח הָעֹלָה לִפְנֵי פֶּתַח מִשְׁכַּן אֹהֶל־מוֹעֵד׃ וְנָתַתָּ אֶת־ ז
הַכִּיֹּר בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד וּבֵין הַמִּזְבֵּחַ וְנָתַתָּ שָׁם מָיִם׃ וְשַׂמְתָּ ח
אֶת־הֶחָצֵר סָבִיב וְנָתַתָּ אֶת־מָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר׃ וְלָקַחְתָּ ט
אֶת־שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וּמָשַׁחְתָּ אֶת־הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בּוֹ
וְקִדַּשְׁתָּ אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְהָיָה קֹדֶשׁ׃ וּמָשַׁחְתָּ אֶת־ י
מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְקִדַּשְׁתָּ אֶת־הַמִּזְבֵּחַ וְהָיָה

און דעם צודעק פון תחשפעלן, און דעם פּרוֹכת פון צווישנשייד; [35] דעם אָרון פון געזעץ, און זיינע שטאַנגען, און דעם דעק; [36] דעם טיש, אַלע זיינע כלים, און דאָס ברויט פון אָנגעזיכט; [37] די ריינע מנורה, אירע רערלעך— די רערלעך אויף אָנצוריכטן—און אַלע אירע כלים, און דאָס אייל פאַר לייכטונג; [38] און דעם גילדערנעם מזבח, און דאָס אייל פון זאַלבונג, און דעם ווייריך פון שמעקעדיקע געווירצן, און דעם טירפאָרהאַנג פון געצעלט; [39] דעם קופּערנעם מזבח, און די קופּערנע זיפּ וואָס צו אים, זיינע שטאַנגען, און אַלע זיינע כלים; דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל; [40] די אַרומהאַנגען פון הויף, זיינע (שב') זיילן, און זיינע שוועלן, און דעם פאָרהאַנג צום טויער פון הויף, זיינע שטריק, און זיינע פלעקלעך, און אַלע אַרבעטגעצייג פון דעם משכן פון אוהל־מועד; [41] די געשטריקטע קליידער אויף צו דינען אין הייליקטום, די הייליקע קליידער פאַר אַהרן דעם כהן, און די קליידער פון זיינע זין, אויף צו טאָן די כהונה.

[42] אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן, אַזוי האָבן די קינדער פון ישראל געמאַכט די גאַנצע אַרבעט.
[43] און משה האָט געזען די גאַנצע אַרבעט, אַז זיי האָבן זי געמאַכט; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן, אַזוי האָבן זיי געמאַכט; און משה האָט זיי געבענטשט.

מ [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] אין ערשטן טאָג פון ערשטן חודש זאָלסטו אויפשטעלן דעם משכן פון אוהל־מועד. [3] און זאָלסט אַריינטאָן אַהין דעם אָרון פון געזעץ, און פאַרהענגען דעם אָרון מיטן פּרוֹכת. [4] און זאָלסט אַריינברענגען דעם טיש, און אויסלייגן זיין אויסלייגונג; און זאָלסט אַריינברענגען די מנורה, און אָנצינדן אירע רערלעך. [5] און זאָלסט אַוועקשטעלן דעם גילדערנעם מזבח פאַר ווייריך, פאַר דעם אָרון פון געזעץ, און אַרויפטאָן דעם טירפאָרהאַנג צום משכן. [6] און זאָלסט אַוועקשטעלן דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, פאַר דעם אײַנגאַנג פון דעם משכן פון אוהל־מועד. [7] און זאָלסט אַוועקשטעלן דעם האַנטפאַס צווישן אוהל־מועד און צווישן מזבח, און אַריינטאָן אַהין וואַסער. [8] און זאָלסט אויפשטעלן דעם הויף רונד אַרום, און אַרויפטאָן דעם טויערפאָרהאַנג פון הויף.

[9] און זאָלסט נעמען דאָס אייל פון זאַלבונג, און זאַלבן דעם משכן, און אַלץ וואָס אין אים, און הייליקן אים און אַלע זיינע זאַכן, און ער זאָל זיין הייליק. [10] און זאָלסט זאַלבן דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, און אַלע זיינע כלים, און הייליקן

יא הַמִּזְבֵּחַ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים׃ וּמָשַׁחְתָּ אֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ וְקִדַּשְׁתָּ
יב אֹתוֹ׃ וְהִקְרַבְתָּ אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד
יג וְרָחַצְתָּ אֹתָם בַּמָּיִם׃ וְהִלְבַּשְׁתָּ אֶת־אַהֲרֹן אֵת בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ
יד וּמָשַׁחְתָּ אֹתוֹ וְקִדַּשְׁתָּ אֹתוֹ וְכִהֵן לִי׃ וְאֶת־בָּנָיו תַּקְרִיב
טו וְהִלְבַּשְׁתָּ אֹתָם כֻּתֳּנֹת׃ וּמָשַׁחְתָּ אֹתָם כַּאֲשֶׁר מָשַׁחְתָּ אֶת־
אֲבִיהֶם וְכִהֲנוּ לִי וְהָיְתָה לִהְיֹת לָהֶם מָשְׁחָתָם לִכְהֻנַּת
טז עוֹלָם לְדֹרֹתָם׃ וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ
ששי כֵּן עָשָׂה׃ ס וַיְהִי בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית
יח בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הוּקַם הַמִּשְׁכָּן׃ וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת־הַמִּשְׁכָּן
וַיִּתֵּן אֶת־אֲדָנָיו וַיָּשֶׂם אֶת־קְרָשָׁיו וַיִּתֵּן אֶת־בְּרִיחָיו וַיָּקֶם
יט אֶת־עַמּוּדָיו׃ וַיִּפְרֹשׂ אֶת־הָאֹהֶל עַל־הַמִּשְׁכָּן וַיָּשֶׂם אֶת־
מִכְסֵה הָאֹהֶל עָלָיו מִלְמָעְלָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃
כ ס וַיִּקַּח וַיִּתֵּן אֶת־הָעֵדֻת אֶל־הָאָרֹן וַיָּשֶׂם אֶת־הַבַּדִּים עַל־
כא הָאָרֹן וַיִּתֵּן אֶת־הַכַּפֹּרֶת עַל־הָאָרֹן מִלְמָעְלָה׃ וַיָּבֵא אֶת־
הָאָרֹן אֶל־הַמִּשְׁכָּן וַיָּשֶׂם אֵת פָּרֹכֶת הַמָּסָךְ וַיָּסֶךְ עַל אֲרוֹן
כב הָעֵדוּת כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיִּתֵּן אֶת־
הַשֻּׁלְחָן בְּאֹהֶל מוֹעֵד עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן צָפֹנָה מִחוּץ לַפָּרֹכֶת׃
כג וַיַּעֲרֹךְ עָלָיו עֵרֶךְ לֶחֶם לִפְנֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־
כד מֹשֶׁה׃ ס וַיָּשֶׂם אֶת־הַמְּנֹרָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד נֹכַח הַשֻּׁלְחָן
כה עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן נֶגְבָּה׃ וַיַּעַל הַנֵּרֹת לִפְנֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר
כו צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיָּשֶׂם אֶת־מִזְבַּח הַזָּהָב בְּאֹהֶל
כז מוֹעֵד לִפְנֵי הַפָּרֹכֶת׃ וַיַּקְטֵר עָלָיו קְטֹרֶת סַמִּים כַּאֲשֶׁר
שב' צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיָּשֶׂם אֶת־מָסַךְ הַפֶּתַח
כט לַמִּשְׁכָּן׃ וְאֵת מִזְבַּח הָעֹלָה שָׂם פֶּתַח מִשְׁכַּן אֹהֶל־מוֹעֵד
וַיַּעַל עָלָיו אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַמִּנְחָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
ל אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיָּשֶׂם אֶת־הַכִּיֹּר בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד וּבֵין
לא הַמִּזְבֵּחַ וַיִּתֵּן שָׁמָּה מַיִם לְרָחְצָה׃ וְרָחֲצוּ מִמֶּנּוּ מֹשֶׁה
לב וְאַהֲרֹן וּבָנָיו אֶת־יְדֵיהֶם וְאֶת־רַגְלֵיהֶם׃ בְּבֹאָם אֶל־אֹהֶל

דעם מזבח; און דער מזבח זאָל זיין אַ הייליקסטע הייליקייט. [11] און זאָלסט זאַלבן דעם אַנטפאַס און זיין געשטעל, און אים הייליקן.

[12] און זאָלסט מאַכן גענענען אַהרנען און זיינע זין צום איינגאַנג פון אוהל־מועד, און זיי וואַשן מיט וואַסער. [13] און זאָלסט אָנטאָן אַהרנען די הייליקע קליידער, און זאַלבן אים, און אים הייליקן, אַז ער זאָל זיין אַ כּהן צו מיר. [14] און זאָלסט מאַכן גענענען זיינע זין, און זיי אָנטאָן העמדלעך. [15] און זאָלסט זיי זאַלבן, אַזוי ווי דו האָסט געזאַלבט זייער פאָטער, אַז זיי זאָלן זיין כּהנים צו מיר; און זייער זאַלבונג זאָל זיי זיין פאַר אַן אייביקער כּהונה אויף זייערע דור־דורות.

[16] און משה האָט דאָס געטאָן; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

[17] און עס איז געווען אין ערשטן חודש אין צווייטן יאָר, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער מִשכּן. [18] און משה האָט אויפגעשטעלט דעם מִשכּן: ער האָט אַוועקגעלייגט זיינע שוועלן, און אַריינגעטאָן זיינע ברעטער, און אַריינגעצויגן זיינע ריגלען, און אויפגעשטעלט זיינע זיילן. [19] און ער האָט פאַרשפּרייט דאָס געצעלט איבערן מִשכּן, און אַרויפגעטאָן דעם צודעק פון געצעלט אויבן איבער אים, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

[20] און ער האָט גענומען און אַריינגעלייגט דאָס געזעץ אין דעם אָרון, און אַרויפגעטאָן די שטאַנגען אויפן אָרון, און אַרויפגעלייגט דעם דעק אויבן איבערן אָרון. [21] און ער האָט אַריינגעבראַכט דעם אָרון אין מִשכּן, און אַרויפגעטאָן דעם פּרוֹכת פון צווישנשייד, און פאַרהאַנגען דעם אָרון פון געזעץ, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

[22] און ער האָט אַריינגעשטעלט דעם טיש אין אוהל־מועד, אין צפון־זייט מִשכּן, דרויסן פון פּרוֹכת. [23] און ער האָט אויסגעלייגט אויף אים אַן אויסלייגונג פון ברויט, פאַר גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

[24] און ער האָט אַוועקגעשטעלט די מנורה אין אוהל־מועד אַקעגן דעם טיש אין דָרום־זייט מִשכּן. [25] און ער האָט אָנגעצונדן די רערלעך פאַר גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

[26] און ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם גילדערנעם מזבח אין אוהל־מועד פאַרן פּרוֹכת. [27] און ער האָט גערייכערט אויף אים ווייריך פון שמעקעדיקע געווירצן, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

[28] און ער האָט אַרויפגעטאָן דעם טירפאַרהאַנג צום מִשכּן. [29] און דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער האָט ער אַוועקגעשטעלט ביים איינגאַנג פון דעם מִשכּן פון אוהל־מועד, און אויפגעבראַכט אויף אים דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס שפּייזאָפּפער, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

[30] און ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם אַנטפאַס צווישן אוהל־מועד און צווישן מזבח, און אַריינגעטאָן אַהין וואַסער, זיך צו וואַשן— [31] כּדי משה און אהרן און זיינע זין זאָלן דערפון וואַשן זייערע הענט און זייערע פיס; [32] ווען זיי קומען אין

מוֹעֵד וּבְקָרְבָתָם אֶל־הַמִּזְבֵּחַ יִרְחָצוּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיָּקֶם אֶת־הֶחָצֵר סָבִיב לַמִּשְׁכָּן וְלַמִּזְבֵּחַ לג
וַיִּתֵּן אֶת־מָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר וַיְכַל מֹשֶׁה אֶת־הַמְּלָאכָה׃ פ
וַיְכַס הֶעָנָן אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד יְהוָה מָלֵא אֶת־ מפ'
הַמִּשְׁכָּן׃ וְלֹא־יָכֹל מֹשֶׁה לָבוֹא אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד כִּי־ לה
שָׁכַן עָלָיו הֶעָנָן וּכְבוֹד יְהוָה מָלֵא אֶת־הַמִּשְׁכָּן׃ וּבְהֵעָלוֹת לו
הֶעָנָן מֵעַל הַמִּשְׁכָּן יִסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּכֹל מַסְעֵיהֶם׃
וְאִם־לֹא יֵעָלֶה הֶעָנָן וְלֹא יִסְעוּ עַד־יוֹם הֵעָלֹתוֹ׃ כִּי עֲנַן לז לח
יְהוָה עַל־הַמִּשְׁכָּן יוֹמָם וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ לְעֵינֵי כָל־
בֵּית־יִשְׂרָאֵל בְּכָל־מַסְעֵיהֶם׃

אוהל־מועד, און ווען זיי גענענען צום מזבח, זאָלן זיי זיך וואַשן—אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

33 און ער האָט אויפגעשטעלט דעם הויף רונד אַרום דעם מִשכן און דעם מזבח, און אַרויפגעטאָן דעם טויער־פאָרהאַנג פון הויף.

און משה האָט געענדיקט די אַרבעט.

34 און דער וואָלקן האָט אַיינגעדעקט דעם אוהל־מועד, און די פראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דעם מִשכן. 35 און משה האָט ניט געקענט אַריינגיין אין אוהל־מועד, ווייל דער וואָלקן האָט אויף אים גערוט, און די פראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דעם מִשכן.

36 און ווען דער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן פון מִשכן, פלעגן די קינדער פון ישראל ציען אויף אַלע זייערע ציאונגען. 37 און אַז דער וואָלקן פלעגט זיך ניט אויפהייבן, פלעגן זיי ניט ציען, ביז דעם טאָג וואָס ער האָט זיך אויפגעהויבן. 38 וואָרום דער וואָלקן פון גאָט איז געווען אויפן מִשכן ביי טאָג, און אַ פייער פלעגט זיין דרינען ביי נאַכט, פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן הויז פון ישראל, אין אַלע זייערע ציאונגען.

# חזק

סכום פסוקי דספר ואלה שמות אלף ומאתים ותשעה. **אר״ט** סימן: וחציו אלהים לא תקלל: ופרשיותיו **אחד עשר. אי זה** בית אשר תבנו לי סימן: וסדריו **עשרים ותשעה.** ולילה ללילה **יחוה** דעת סימן: ופרקיו **ארבעים.** תורת אלהיו **בלבו** סימן: מנין הפתוחות **תשע וששים.** והסתומות **חמש ותשעים.** הכל **מאה וששים וארבע** פרשיות: ישלח עזרך מקדש ומציון **יסעדך** סימן: